מרדכי יפה / תל־אביב—ניו־יאָרק

# מער ווי גרויל און מער ווי קונסט

## („דאָס הויז פון די ליאַלקעס")

אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם דאָזיקן חורבן־„ראָמאַן" — בין איך געוואָרן געפּלעפט פון אַזאַ מין שרייבן, וואָס איז נישט געװײנלעך, גייט נישט אַריין אין קיין שום ראַמען פון קינסטלערישע זשאַנרען. ווייל דאָס איז מער װי קונסט לשם קונסט, און קונסט לשם אידעע, און קונסט לשם חידושים, און לשם סטיל, לשון וכדומה. עס איז אַ סך מער! עס איז אַ מין מגילה — אַ היינטצייטישע — װו עס איז פאַרפיקסירט אונזער גרעסטער חורבן, אין אַזאַ מין אויסדרוק װאָס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען!

מיטן שכל גופא קאָן מען דאָך נישט באַגרייפן — נישט די קאַטאַסטראָפע גופא און נישט די אויסגעפּלאַנטע עכט־דייטשישע אכזריות, װאָס גייט אַריבער אַלע גיהנומדיקע גרענעצן.

איך האָב געלייענט דאָס בוך װאָכנלאַנג, איך האָב זיך געפּייניקט, די שילדערונגען גייען אַריבער יעדער גרענעץ אַפילו פון אומגעװײנלעכקייט (און זיי זענען דאָך בפירוש דערוויזענע). איך האָב נישט דערשלאָפן מײַנע נעכט צוליב די קאָשמאַרן.

עס איז אַ גרויס בוך. עס איז ביי אונז נישט גענוג אָפּגעשאַצט געוואָרן, הגם ג. שאָפּמאַן, איינער פון אונזערע גרויסע קינסטלער, האָט דערפילט, אַז דאָס איז אַ הייליק בוך. און װער נאָך װי שאָפּמאַן װאַרפט זיך נישט מיט פראַזן װעגן הייליקייט?

דאַניעלאַ, די הויפּט־העלדין פון קאַצעטניקס בוך, איז זי דען נישט דער גרעסטער סימבאָל פון דער יידישער אומשולד? פון דער יידישער הייליקייט, װאָס איז פאַרשװעכט געװאָרן, און אין גוף און נשמה אומגעבראַכט געוואָרן, — נישט בלויז דורך דער דייטשיש־היטלעריסטישער טומאה, נאָר אויך דורך דער גאָרנישט־פּאַסיווער גלייכגילטיקייט פון דער גאַנצער גויאישער װעלט!

דאַניעלאַ איז דער רוח הקודשה פון די אַלע, װעלכע זענען געוואָרן פאַרשװעכט דורך דער טומאה. דער גוף װאָס װערט געשענדט, בעת

דערפילט, אַז דאָס איז אַ הייליק בוך. און װער נאָך װי ש...
זיך נישט מיט פּראַזן װעגן הייליקייט?

דאַניעלאַ, די הויפּט־העלדין פון קאַצעטניקס בוך, איז זי דען נישט דער גרעסטער סימבאָל פון דער יידישער אומשולד? פון דער יידישער הייליקייט, װאָס איז פאַרשװעכט געװאָרן, און אין גוף און נשמה אומגעבראַכט געװאָרן, — נישט בלויז דורך דער דייטשיש־היטלעריסטישער טומאה, נאָר אויך דורך דער גאָרנישט־פּאַסיװער גלייכגילטיקייט פון דע רגאַנצער גויאישער װעלט!

דאַניעלאַ איז דער רוח הקדושה פון די אַלע, װעלכע זענען געװאָרן פאַרשװעכט דורך דער טומאה. דער גוף װאָס װערט געשענדט, בעת די נשמה און אפילו דער גוף זענען געהייליקט דורך זייערע אַלע פּייַנען. זי, דאַניעלאַ, איז דאָך דער סימבאָל פון אונזער מאַרטירערישקייט.

װער קאָן דען אָפּשאַצן — און װיאַזוי קאָן מען אָפּשאַצן — אָט דעם מין פון אונזער חורבן־ליטעראַטור, װאָס איז אַזוי אַנדערשדיק אויסגעדריקט געװאָרן דורך אַן אַנאָנימען קאַצעטניק, װעלכער איז דערנאָך געװאָרן אַ שם־דבר פון אַ שרייבער, װאָס האָט זיך קונה שם געװען אין דעם דאָזיקן מאָטיװ דורך איבעראַשנדיקער פּאַקטועלישקייט און צוגלייך קינסטלערישקייט. אויב אין די שילדערונגען פון די היינטצייטישע מלחמה־חורבנות האָבן זיך אַרויסגעקענטיקט בלויז צװיי שרייבער: רעמאַרק אין זיין בוך „אַלץ איז רואיק אויפן מערב־פראָנט“ און אַנרי באַרביס אין זיין „פייער“ — האָט אונזער קאַצעטניק זיי אפשר אַריבערגעשטיגן אין זיין באַזונדערן אופן פון קינסטלערישן פאַרפּיקסירן די אכזריות פון אַ גאַנצן מיליאָניקן קאָלעקטיװ, װאָס האָט געשמט װי אַ טרעגער פון קולטור און ציװיליזאַציע און האָט דערנאָך באַנקראָטירט, אַז ס׳איז אים כמעט גאָרנישט געבליבן פון דעם געטע־שילער־בעטהאָװען־ און קאַנט־קרן. און ער האָט, דער קאַצעטניק, אַריבערגעשטיגן אַלעמען — און דאָס מיינט אונזערע שילדערער, דערציילער, פּאָעטן, מגילה־כראָניקערס און געשיכטע־פאַרפּיקסירערס — דורך זיין באַזונדערן אמת און רמז און נאַטוראַליסטישער און צוגלייך סימבאָליסטישער שילדערונג פון אונזער דריטן חורבן. װאָרעם אין דעם דאָזיקן בוך איז פאַראַן אַזאַ שלל פון שילדערונג־דערציילערישקייטן, װאָס איטלעכער עפּיזאָד װאָלט געקלעקט פאַר אַ גרויסער פּאָעמע, פאַר אַן עפּאָפּייע, פאַר אַ ראָמאַן, פאַר אַ מגילה.

האָרעווען יידן און צו פלאַנצן אהבת ישראל! וואָסער אַשמדאַי האָט אויסגעטראַכט אַזאַ ווייטיקדיקן ווייז, אַזאַ טראַגישן קאָמיזם? זאָל לאַכן ווער עס קאָן, מיר ווילט זיך דאָס פאַרקערטע.

---

און ס'איז נישט בלויז די ראיה, אַז ער, דער קאַצעטניק, איז געווען אין זיין מוראדיקן אָפּרוף בלויז דער עדות פון די אויסערגעוויינלעכע אַכזריותן, פייניקונגען און פיינען, נאָר אַז ער איז אויך געוואָרן דער באַשולדיקער, וואָס האָט מיט קינסטלערישע מיטלען געווירקט און איבערצייגט.

און וועגן וואָס ווערט דאָ דערציילט? וועגן דעם הויז פון די ליאַלקעס; און דאָס הייסט גאָר — דאָס הויז פון די הורן פאַר די דייטשישע „העלדן". אַזעלכע הייזער זענען געווען אין די צענדליקער, וואָס דאָס היטלער־דייטשלאַנד האָט אויפגעשטעלט — און איז געוואָרן אַ „דענקמאָל" פאַר זייער שענדלעכקייט און אכזריות.

וואָרעם אַזאַ אָרגאַניזאַטאָר, אויסגעפּלאַנטער גיהנום פון דערנידעריקן און פאַרשוועכן דעם מענטש, איז נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געווען. וואָס פאַראַ באַטרעף האָבן די מעשים תעתועים פון די טשינגיז כאַנען און די כמיעלניצקיס לגבי דער היטלערישער אויסגעפּלאַנטקייט אומצוברענגען אַ גאַנצע יידישע וועלט? און דער דאָזיקער קאָמפּלעקס פון דערנידערונגען, פאַרשוועכונגען, פייניקונגען און ערב־טויטן, וואָס האָבן געפירט — צום גליק — צום טויט, וואָס לייזט אויס דעם מענטש! פון אַל די מאַטערנישן, שמיץ, און דערנאָך פון דער קרעמאַטאָריע — דאָס אַלץ איז פאַרשריבן לזכר עולם אין דעם קאַצעטניקס נייצייטישער מגילה: „דאָס הויז פון די ליאַלקעס".

און דורך דעם פּאָרטרעט, רירנדיקן דערציילן וועגן דער הויפּט־העלדין דאַניעלאַ, וואָס איז ניצול געוואָרן פון דער קרעמאַטאָריע דורך דעם, וואָס זי האָט די שרעקלעכע זכיה געהאַט צו ווערן אַ הור אין דעם „הויז פון די ליאַלקעס", ביז זי האָט אַליין אומגעבראַכט איר יונג לעבן מיט זעלבסטמאָרד דורך דערטרינקען זיך — האָט דער „איכה"־קינסטלער פון דער היינטיקער צייט דערוויזן נישט בלויז דעם חורבן

... אין די צענדליקער, װאָס דאָס היטלער־דייטשלאַנד האָט אויפגעשטעלט — און איז געוואָרן אַ „דענקמאָל״ פאַר זייער שענדלעכקייט און אכזריות.

װאָרעם אַזאַ אָרגאַניזאַטאָר, אויסגעפלאַנטער גיהנום פון דערנידע־ריקן און פאַרשוועכן דעם מענטש, איז נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געווען. וואָס פאַראַ באַטרעף האָבן די מעשים תעתועים פון די טשינגיז כאַנען און די כמיעלניצקים לגבי דער היטלערישער אויסגעפלאַנטקייט אומצוברענגען אַ גאַנצע יידישע וועלט? און דער דאָזיקער קאָמפּלעקס פון דערנידערונגען, פאַרשוועכונגען, פייניקונגען און ערב־טויטן, װאָס האָבן געפירט — צום גליק — צום טויט, וואָס לייזט אויס דעם מענטשן פון אַל די מאַטערנישן, שמיץ, און דערנאָך פון דער קרעמאַטאָריע — דאָס אַלץ איז פאַרשריבן לזכר עולם אין דעם קאַצעטניקס נייצייטישער מגילה: „דאָס הויז פון די ליאַלקעס״.

און דורך דעם פאַרכטיקן, רירנדיקן דערציילן װעגן דער הויפּט־העלדין דאַניעלאַ, וואָס איז ניצול געוואָרן פון דער קרעמאַטאָריע דורך דעם, װאָס זי האָט די שרעקלעכע זכיה געהאַט צו װערן אַ הור אין דעם „הויז פון די ליאַלקעס״, ביז זי האָט אַליין אומגעבראַכט איר יונג לעבן מיט זעלבסטמאָרד דורך דערטרינקען זיך — האָט דער „איכה״־קינסטלער פון דער הייניטיקער צייט דערוויזן נישט בלויז דעם חורבן גופא, נאָר אויך די ראָל פון די פאַרברעכער און פאַרשוועכער. מ׳קאָן זיך נישט אָנזעטיקן, מיט טרערן אין די אויגן, פון די אַלע צאַרטקייטן, ליבשאַפטן, אומשולדן און טרוימערייען פון אַ יידיש מיידל, וואָס האָט אַזויפיל געהאָפט און איז דערנאָך געוואָרן אַזויפיל באַשטראָפט.

די אַנדערע „העלדן״ פון דאָזיקן בוך, די קדושים װאָס זענען פשוט פאַרפייניקט געוואָרן, אויך זיי האָט קאַצעטניק פאַראייביקט אין זיין פינקס, וו יעדער ברענט דאָרט און גייט־אויף אין די הויכקייטן פון דער אייביקייט.